בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פרשת חיי שרה

**כיתה ב' (א-ב)**

**הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו**

**הר"ר משה ברוך כץ הי"ו**

# אינהאלט פון די וואך

**פטירת שרה**

איינע פון די נסיונות וואס דער אייבישטער האט אויספראבירט אברהם אבינו איז געווען די נסיון פון די עקידה, דער אייבישטער האט געזאגט פאר אברהם אז ער זאל גיין שחט'ן זיין איינציג קינד יצחק, אברהם אבינו האט גלייך געטוהן וואס דער אייבישטער האט אים געהייסן און ער איז אויפגעשטאנען צופרי און האט צוגעגרייט זיין אייזל און האט גענומען זיין זון יצחק און זיי זענען געגאנגען צו די פלאץ וואס דער אייבישטער וועט זיי ווייזן, אברהם מיט יצחק זענען געגאנגען בשמחה אפילו זיי גייען נישט צו א פרייליכע פלאץ, אבער ס'איז געווען ביי זיי א שמחה אז זיי גייען טוהן וואס דער אייבישטער האט געהייסן.

אויפן וועג איז דער יצר הרע געקומען צו שרה און האט איר פארציילט אז אברהם גייט מקריב זיין יצחק אויפן מזבח, און שרה האט אנגעהויבן צו וויינען און זי האט געוואלט זיי גיין זוכן, און זי האט געפרעגט אויף וועלכע זייט זענען זיי געגאנגען, און מ'האט איר געזאגט אז זיי זענען געגאנגען אויף די וועג קיין חברון, און זי איז געגאנגן ביז חברון און א גאנצע וועג האט זי געוויינט, דארט האט זיך דער יצר הרע פארשטעלט פאר א אלטער מענטש און ער האט איר געזאגט אז צום סוף האט מען נישט גע'שחט'ן יצחק, און פון גרויס פרייד און התרגשות איז זי נפטר געווארן, און אלע זענען געווען זייער טרויעריג, אברהם מיט יצחק זענען צוריק געקומען פון הר המוריה צו די געצעהלט פון שרה, שרה איז געווען 127 יאר און אלע איהרע יארן זענען געווען גוטע יארן, ווען זי איז געווען הונדערט יאר איז זי געווען אזוי צוואנציג יאר אן קיין עבירות.

אברהם איז געקומען צו קלאגן אויף שרה און איהר צו באוויינען, ס'שטייט "ולבכותה" מיט א קליינע כ' ווייל אברהם האט געוויינט נאר אביסל, און מ'האט געמאכט א גרויסע לויה און אלע האבן פארמאכט די געשעפטן און זענען געקומען אפגעבן דאס כבוד פאר די צדיקת שרה.

**קבורת שרה**

מיר האבן פארציילט אז אברהם האט געוואלט קויפן א קבר פאר שרה אין מערת המכפלה, און ער איז געגאנגען צו די בני חת, און זיי האבן געשטעלט עפרון אז ער זאל פארקויפן די קבר פאר אברהם, אין אנהייב האט עפרון געוואלט געבן די קבר פאר אברהם במתנה אן קיין געלט. אבער אברהם האט נישט מסכים געווען און ער האט געוואלט באצאלן און געבן די גאנצע וויפיל ס'קאסט די קבר, און עפרון האט אים פארקויפט די קבר פאר פיר הונדערט זילבערנע שקלים וואס איז עובר לסוחר, און פון דא זעהט מען די רשעות פון עפרון, און נאכדעם האט מען באערדיגט שרה אין מערת המכפלה.

און פארוואס האט עס געהייסן "מערת המכפלה", 1) ווייל די מערה האט געהאט צוויי שטאק, 2) ווייל ס'איז געווען געדאפלט מיט פארן: אדם מיט חוה, אברהם מיט שרה, יצחק מיט רבקה, יעקב מיט לאה.

**<u>אליעזר גייט קיין חרן</u>**

ווען יצחק איז געווען פערציג יאר אלט האט אברהם גערופן פאר זיין באגלייבטער קנעכט און האט אים באשוואוירן אז ער זאל גיין זוכן א כלה פאר יצחק, אבער ער האט אים געזאגט אז ער זאל נישט נעמען פון די מיידלעך פון כנען, נאר פון זיין משפחה, און אויך אז ער זאל נישט ארויס נעמען יצחק פון ארץ ישראל.

אליעזר האט גענומען 10 גמלים וואס האבן געהאט שטאפער'ס אויף זייער מויל כדי זיי זאלן נישט פאשען אין פרעמדע פעלדער, און אלע גוטע זאכן פון זיין הער איז געווען ביי אים, און אויך צירונגען פאר די כלה, און עס איז געשעהן א גרויסע נס אויפן וועג אז ער האט געהאט קפיצת הדרך, אליעזר איז אנגעקומען אינדערויסן פון שטאט נעבן די ברינען און האט מתפלל געווען פאר דער אייבישטער אז ער זאל מצליח זיין וועג צו טרעפן א כלה פאר יצחק, און ער האט זיך געמאכט א סימן אז אויב ער וועט בעטן פאר די מיידל צו טרינקען וואסער אויב זי וועט זאגן אז זי וועט אים געבן צו טרינקען און אויך פאר זיינע גמלים דעמאלטס איז א סימן אז דאס איז די ריכטיגע מיידל און זי איז די ריכטיגע כלה פון יצחק, אזוי ווי ער האט דאס געזאגט האט ער געזעהן רבקה וואס זי איז געווען דריי יאר אלט, און זי איז געקומען שעפן וואסער ביי די ברינען, און עס איז געשעהן א נס אז די

וואסער איז ארויף געקומען אקעגן איר, האט אליעזר פארשטאנען אז זי איז א צדיקת, און ער האט איר געבעטן זי זאל אים געבן צו טרינקען, און זי האט געענטפערט אז זי וועט געבן אויך פאר די גמלים, האט אליעזר פארשטאנען אז זי איז די כלה פון יצחק, און אליעזר האט איר געפרעגט ווי אזוי זי הייסט און ווער איז איר משפחה, און ער האט איר אויך געפרעגט אויב עס איז דא פלאץ ביי זייער שטוב צו שלאפן, און זי האט געענטפערט אז יא, און זי איז געלאפן פארציילן פאר איר מאמע, און רבקה האט ארויס גענומען די עבודה זרה פון שטוב, און לבן האט געזאגט ואנכי פיניתי הבית, אז מ'ארויס גענומען די עבודה זרה.

מיר האבן פארציילט ווי אזוי לבן הארמי איז געלאפן העלפן ווייל ער האט געטראכט אז ער וועט קענען גנב'ענען די צירונגען, און אזוי אויך איז לבן אריינגעשפרינגען צו ענטפערן יעדע מאל אנשטאט זיין טאטע, בתואל האט געוואלט אריינלייגן סם אין די טעלער פון אליעזר כדי ער זאל שטארבן און עס איז געקומען א מלאך און האט איבער געטוישט די טעלער פון אליעזר מיט די טעלער פון בתואל און ער איז געשטארבן.

אליעזר מיט רבקה זענען ארויף אויף די גמלים און זיי זענען צוריק צו יצחק און אויפן וועג האבן זיי פלוצלינג געזעהן א מענטש דאוונט אין פעלד, האט רבקה געפרעגט פאר אליעזר ווער איז דאס און ער האט איר געענטפערט אז דאס איז יצחק וואס גייט ארויס אין פעלד דאווענען תפילת מנחה וואס ער האט מתקן געווען, און רבקה האט פארדעקט אירע אויגן ווייל זי איז געווען זייער א צניעות'דיגע.

און ווען רבקה איז אריינגעקומען אין די געצעהלט פון שרה איז צוריק געקומען אלע דריי סימנים וואס איז שטענדיג געווען ביי די געצעהלט פון שרה און עס איז אוועק ווען שרה איז נפטר געווארן: 1) א וואלקן איז געווען אויף די געצעהלט, 2) די לעכט וואס מ'האט אנגעצינדן אויף שבת איז געבליבן ברענען פון ערב שבת ביז די אנדערע וואך שבת, 3) ס'איז אריין א ברכה אין די טייג.

# שאלות מיט תשובות

**וועלכע סדרה גייט די וואך?**

חיי שרה.

**פון וואס האט זיך די מאמע שרה דערשראקן?**

א מלאך האט איר געזאגט אז אברהם האט מקריב געווען יצחק און זי האט זיך דערשראקן און אזוי איז זי נפטר געווארן.

**וואס איז געווען ביי די געצלט פון די מאמע שרה ביז ווען זי האט געלעבט?**

1. א וואלקן אויף איר געצעלט; 2. די ליכט פון ערב שבת האט געברענט ביז די קומעדיגע ערב שבת; 3. סאיז געווען א ברכה אין די טייג.

**וויפיל יאר איז שרה געווען ווען זי איז נפטר געווארן?**

הונדערט זיבן און צוואנציג יאר.

**אוואו האט איהר אברהם באערדיגט?**

אין מערת המכפלה.

**פון וועמען האט אברהם געקויפט די מערת המכפלה?**

פון עפרון.

**פארוואס ווערט עס אנגערופן מערת המכפלה?**

1) ווייל די מערה האט געהאט צוויי שטאק, 2) ווייל ס'איז געווען געדאפלט מיט פארן: אדם מיט חוה, אברהם מיט שרה, יצחק מיט רבקה, יעקב מיט לאה.

**וועמען שיקט אברהם זוכן א כלה פאר זיין זוהן יצחק?**

זיין קנעכט אליעזר.

**וויפיל יאר איז יצחק געווען ווען ער האט חתונה געהאט?**

פערציג יאר.

**פון וואו האט אברהם אבינו געהייסן פאר אליעזר זוכן א כלה פאר יצחק?**

פון זיין משפחה.

**פארוואס האט יצחק נישט געטארט ארויסגיין פון ארץ ישראל?**

ווייל ער איז געווען הייליג ווי א קרבן.

**וואס שיקט אברהם מיט אליעזר פאר די כלה?**

צעהן קעמלעך מיט אסאך מתנות.

**וועלכע נס איז געשעהן פאר אליעזר אויפן וועג?**

ער האט געהאט קפיצת הדרך און ער איז אנגעקומען שנעל.

**וועלכע סימן האט אליעזר געבעטן פון דער אייבישטער אז ער זאל וויסן ווער ס'איז די ריכטיגע מיידל?**

אז ווען ער וועט איר בעטן צו טרינקען וועט די מיידל אים ענטפערן נעם פאר דיר אין אויך פאר די קעמלעך.

**וועמען טרעפט אליעזר ביי די ברינען וואסער?**

רבקה.

**וויפיל יאר איז רבקה געווען?**

דריי יאר.

**וועלכע נס האט אליעזר געזעהן ביי רבקה?**

אז די וואסער איז ארויף געקומען אנטקעגן איר.

**ווען אליעזר האט איר געבעטן וואסער וואס האט זי געענטפערט?**

נעם פאר דיר און אויך פאר די קעמלעך.

**וואס האבן די קעמלעך געהאט אויפן מויל?**

די קעמלעך האבן געהאט שטאפערס אויף די מויל אז זיי זאל נישט קענען עסן פון פרעמדע פעלדער.

**ווער איז געווען רבקה'ס טאטע?**

בתואל.

**ווער איז געווען רבקה'ס ברודער?**

לבן.

**וואס האט איר אליעזר געגעבן?**

צירונגען.

**ווער איז געקומען צו לויפן?**

לבן.

**וואס האט בתואל געלייגט פאר אליעזר אין זיין טעלער?**

ער האט אריינגעלייגט סם.

**פארוואס?**

ווייל ער האט געוואלט אז אליעזר זאל שטארבן.

**וואס האט דער אייבישטער געמאכט?**

ער האט אראפ געשיקט א מלאך זאל טוישן זיין טעלער מיט בתואל'ס טעלער און בתואל איז טאקע געשטארבן.

**וואס האט רבקה געזעהן אויפן וועג צו אברהם'ס שטוב?**

זי האט געזעהן ווי אזוי יצחק דאוונט מנחה.

**ווען יצחק האט חתונה געהאט מיט רבקה וואס איז געווען ביי זייערע געצעלט?**

1. ס'איז צוריק געקומען די וואלקן אויף די געצעלט; 2. די ליכט האבן געברענט פון ערב שבת ביז ערב שבת; 3. סאיז געווען א ברכה אין די טייג אזוי ווי ביי שרה'ס געצעלט.

# - כולל ענינים -

## סימן ז. ברכה

א) א איד טאר נישט קיין הנאה האבן פון דער וועלט נאר אז מען לויבט קודם השי"ת מען דאנקט אים וואס ער האט באשאפן די גוטע זאך, און מזמין געווען, צוגעפירט און דאס זאל צוקומען צום מענטש.

דעריבער טאר מען נישט עסן און נישט טרינקען קיין שום זאך אנע ברכה, אפילו א ברעקעלע אויך נישט ווייל אויף א פאר ברכה צו מאכן איז נישט דא קיין שיעור. אויף גאנץ ווייניג דארף מען אויך צו מאכן א ברכה.

ב) די חז"ל זאגן, אויב מען עסט אנע ברכה ח"ו, גזל'ט מען פון השי"ת און פון כנסת ישראל, ווייל דער שטראף איז דערויף אז די תבואה און פירות ווערן געשלאגן, זיי וואקסן נישט גענוג און נישט געהעריג, קומט ח"ו א הונגער אויף דער וועלט במילא ווערט א יקרות, אלעס ווערט טייער, ליידט דערפון דער גאנצער כלל ישראל.

ג) אויך דארף מען צו בענטשן אדער צומאכן א נאך ברכה נאכן עסן דאס האט שוין יא א שיעור אויף וויפיל מען דארף צו מאכן די נאך ברכה, און מען דארף זיין געווארנט דערויף.

ד) מען דארף האבן ריינע הענט צו מאכן א ברכה אדער צו זאגן אנדערע הייליגע ווערטער.

ה) איידער מען פאנגט אן צו מאכן א ברכה, דארף מען שוין צו וויסן וואס פאר א ברכה מען וויל מאכן, און נישט ווען מען האלט אינמיטן נאך "מלך העולם" נעמען זיך טראכטן.

ו) נאך דער ברכה זאל מען נישט אויסרעדן ביז מען האט נישט אראפ געשלינגען א שטיקל פון דעם מאכל, אדער געטראנק.

ז) ווען מען מאכט א ברכה אדער אן אנדערע תפלה, טאר מען גארנישט האבן אין מויל. מען מאכט א ברכה פאר אזא גרויסן באשעפער, דארף מען מיטן פולן מויל צו מאכן די ברכה, ווי דוד המלך זאגט: "ימלא פי תהלתך" עס זאל פול זיין מיין מויל מיט דיין לויב.

ח) א ברכה לבטלה הייסט אז מען מאכט א ברכה בחנם, אדער מען זאגט אריס א שם דעם נאמען פון השי"ת פאר גארנישט. אויף ביידע זאכן שטייט אין די ספרים הקדושים אז די שטראף איז אן א שיעור גרויס.

ט) אויך טאר מען נישט ארויס זאגן דעם נאמען פון השי"ת אויף קיין שום שפראך נישט. מיר זאגן טאקע אלעמאל באשעפער ווייל ער האט באשאפן די וועלט, אדער זאגט מען "אויבערשטער" ווייל ער וואוינט אויבן אין הימל, אדער זאגט מען "השי"ת".

י) אבער דעם ריכטיגן נאמען ג-א-ט אויף אידיש, אדער אן אנדערע שפראך זאגט מען נישט ארויס אומזיסט.

## סימן ח. אמן

א) אויף יעדע ברכה וואס מען הערט דארף מען ביי די ענדע פון די ברכה נאכזאגן אמן.

ב) אמן איז טייטש עס איז אמת דער לויב, דער שבח, וואס מען זאגט אויף השי"ת. אויב די ברכה איז א תפלה וואס מען בעט השי"ת איז טייטש אמן עס זאל אמת זיין, מען ווינטשט, מען בעט השי"ת ער זאל ערפילן די בקשה דעם פארלאנג, וואס אידישע קינדער בעטן ביי השי"ת

ג) ווען א קינד מאכט א ברכה דארף מען אויך נאכצוזאגן אמן.

**אמן** איז ראשי תיבות - **א**ל **מ**לך **נ**אמן

ד) מען דארף קליינע קינדער שוין אויסצולערנען נאכצוזאגן אמן.

עס איז דא א ספר "ואמרו אמן" אין אידישער שפראך, ספעציעלע ענינים און מעשיות פון חשיבות און וויכטיגקייט פון נאכזאגן אמן.

## סימן ט. נטילת ידים לסעודה

א) א איד טאר נישט עסן ברויט אומגעוואשן. בעפער מען וואשט זיך צו ברויט דארף מען מען שטארק געווארנט זיין צו האבן גאנץ ריינע און טרוקענע הענט. עס טאר נישט זיין קיין שום חציצה (שמוץ) אויף די הענט, אוך נישט קיין רינגל, אדער באנדאזש.

ב) א חציצה הייסט, א זאך וואס טוט אפשיידן און לאזט נישט צו קיין וואסער צו די האנט וואס דארף געוואשן ווערן. א חציצה איז שמוץ אדער עפעס אנדערש וואס דאס איז אנגעקלעבט און דאס טוט שטערן, און דאס וואסער קען נישט צוקומען געהעריג. ווען עפעס איז אנגעקלעבט אויף די הענט הייסט דאס א חציצה צו נטילת ידים, א אנגעקלעבטע זאך אויף א כלי, שטערט דאס טובל'ן פון א נייע כלי ווי עס שטייט אין סימן קכ"ג.

ג) די כלי מיט וואס מען וואשט זיך זאל זיין גאנץ און נישט לעכעריג, דאס וואסער זאל זיין זויבער, און זאל נישט האבן קיין שום פארב און קיין שום גערוך.

ד) פער צוויי מאל וואשט מען זיך יעדע האנט, קודם די רעכטע, דערנאך די לינקע, מען מאכט די ברכה על נטילת ידים, און ערשט דערנאך ווישט מען זיך אפ די הענט אויף גאנץ טרוקן.

ה) מען מאכט די המוציא, און מען רעדט נישט אויס ביז נאכ'ן אראפ שלינגען דאס ערשטע שטיקל.

ו) פארשמירטע הענט מיט טינט איז א "חציצה" ביי נטילת ידים, אבער די וואס שרייבן שטענדיג און די הענט זענען פארשמירט מיט טינט פאר זיי איז טינט נישט קיין חציצה.

ז) טייג אויף די הענט איז יא א "חציצה" אפילו דאס טייג איז אונטער די נעגל מוז מען דאס אויסרייניגן פאר'ן וואשן נטילת ידים (או"ח קס"א ס"א וס"ב).

ח) דאס רינגל זאל מען נישט האבן אין מויל ביי די ברכה על נטילת ידים, וועגן "ימלא פי תהילתך". דאס מויל דארף זיין פול מיט לויב פון השי"ת און נישט ענטהאלטן עפעס אנדערש אין די צייט.

## סימן י. פת שחרית

א) עס איז זייער גוט זיך צוגעוואוינען יעדן טאג אן א אויסנאם (חוץ ביי א תענית) צו עסן פת שחרית, ברויט אויף פרישטאג, דאס הייסט, צופרי מען שטייט אויף, מען זאגט ברכות, מען וואשט זיך צו ברויט און מען עסט, מער אדער ווייניגער, נאר עסן זאל מען.

ב) איינס פון די סגולות וואס די גמרא זאגט דערויף איז, אז מען ווערט קלוגער דורכ'ן עסן פת שחרית, און פשוט, דאס איז א גוטע זאך, אז מען איז נישט הונגעריג, איז מען גוט געלוינט, מען איז נישט נערוועז, מען האט געדולד צו אלעם, רואיגערהייט טוט זיך אלעס בעסער, מער בשלימות, דאס קומט גרינגער אן, און מען איז געזונט און שטארק.

# שאלות אויף כולל ענינים

**א. פארוואס מאכט מען א ברכה פאר'ן עסן ?**

צו דאנקען דעם אויבערשטן אז ער האט באשאפן די גוטע עסן.

**ב. ווי גרויס דארף זיין די שטיקל אויף וואס מ'מאכט די ברכה ?**

אפילו א ברעקעלע.

**ג. וואס איז איינער וואס עסט אן א ברכה ח"ו ?**

ער גזל'ט פונעם אויבערשטן און פון די אידן.

**ד. וואס דארף מען וויסן פאר מ'הייבט אן די ברכה ?**

וועלכע ברכה מ'מאכט אויף דעם.

**ה. וואס מיינט א ברכה לבטלה ?**

אז מ'מאכט א ברכה אדער מ'זאגט דעם אויבערשטנס נאמען פאר סתם.

**ו. וואס מיינט אמן ?**

ס'איז אמת.

**ז. וואס מיינט א חציצה ?**

אז ס'איז דא אויף די האנט עפעס א זאך וואס די וואסער קומט נישט אונטער דעם.

**ח. וואס דארף מען עסן יעדן טאג ?**

פת שחרית.

נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

# הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________________ ני"ן**

**השיב על שאלות פרשת השבוע: ____________________________**

**שאלות על כולל הענינים: ________________________________**

**ברכת המזון: ________________________________________**

**התנהגות כללית: ____________________________________**

**קר"ש שעל המיטה: ___________________________________**

**התפלל: ____________________________________________**

**ענה אמן ויהש"ר בקול רם: ______________________________**

**הערות: ____________________________________________**

**חתימת ההורים ______________________**

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

---

## יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים



לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

אזוי ווי מיר האפן אי"ה **מאנטיג** אינדערפרי הבעל"ט

צו מאכן א מסיבה לכבודה של תורה

# מסיבת התחלת חומש

**ווילן מיר אז לכבוד די גרויסע שמחה**

**זאלן די עלטערן אראפ שרייבן זייער וואונטש געפילן**

**צום אנהויב לערנען חומש**

**און ביי די מסיבה וועלן מיר אי"ה אויפליינען**

**פאר יעדן קינד די וואונטש פון זיינע עלטערן**

בכבוד רב

*הנהלת הת"ת*

# ברכת ההורים:

צו מיין טייער און באליבט קינד

כמר ___________________ ני"ו

דיינע באליבטע עלטערן

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# הודעה

מיר ווילן מודיע זיין פאר די חשוב'ע עלטערן שיחיו

**אז אזוי ווי עס איז שוין געמאלדן**
**גייען מיר אי"ה די קומענדיגע וואך זונטיג**

**אנהייבן בשעה טובה ומוצלחת**

## צו לערנען מיט די קינדער חומש

**ווען מיר פון אנהייב לערנען פון פרשת ויקרא**
**אזוי ווי עס איז מבואר אין די מדרשים**

**און פון פרשת ויצא ווען מיר אי"ה לערנען יעדע וואך פון די פרשה**

**ברענגען א חומש בראשית**
- א חומש ויקרא דארף מען נישט ברענגען -

בכב/ג רב

**הנהלת הת"ת**